**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/19/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנאר האקול מעלדט גראונדברעיקינג פון קאלד ספרינג הארבאר'ס לאבאראטאריע'ס 57 מיליאן דאלארדיגע ניוראסייענס פארשונג קאמפלעקס

***פראיעקט וועט שטיצן פאראויס טריט אין בייאמעדיקל פארשונג***

***סטעיט אינוועסטירונג פון 30 מיליאן דאלאר שטיצט אונטער וואקסנדע ביאלאגישע וויסנשאפט אינדוסטריע אין לאָנג איילענד***

גאווערנאר קעטי האקול האט היינט געמאלדן די גראונדברעיקינג פון קאלד ספרינג הארבאר'ס לאבאראטאריע'ס 57 מיליאן דאלארדיגע ניוראסייענס פארשונג קאמפלעקס אויף לאנג איילענד. קאלד ספרינג הארבאר'ס לאבראטאריע וועט אנהייבן בויען א נייע, זיבן עיקערדיגע דעוועלאפּמענט אריינגערעכנט דריי פארגעשריטענע פארשונג געביידעס וואס וועלן זיך געפינען אויף קאלד ספרינג הארבאר לאבראטאריע'ס קאמפוס ביים ברעג פון די סופאָלק און נעסאו קאַונטיס. דער 36,437 סקווער פוס ניוראסייענס פארשונג קאמפלעקס וועט ווייטער הייבן קאלד ספרינג הארבאר לאבאראטאריע'ס סייענטיפישע פאראויסגאנג אין די געביטן פון ניוראדידזשענערעטיוו קראנקהייטן, מח-קערפער פיזיאלאגיע, קוואנטיטעיטיוו ביאלאגיע און ניורא-ארטיפישל אינטעלידזשענס. די היינטיגע גראונדברעיקינג צייכנט אפ דעם אנהויב פון בוי ארבעט פאר די ניוראסייענס פארשונג קאמפלעקס, וואס ווערט ערווארטעט צו זיין פארטיג ביי דעצעמבער 2025. ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט׳ שטיצט דעם פראיעקט מיט א 30 מיליאן דאלערדיגע קאפיטאל גרענט אלס טייל פון דער טראנספארמירנדע אינוועסטירונג פראגראם געלטער אלאקירט צו לאנג איילענד.

"מיט די סטראטעגישע אינוועסטירונגען, באפעסטיגן מיר דעם ראיאן'ס שטאנד אלס א קראפט באזע פאר די לייף סייענסעס אינדוסטריע און מיר בויען דעם קומענדיגן גרויסארטיגן ערפינדונג קוואל ממש דא אויף לאנג איילענד," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "קאלד ספרינג הארבאר לאבאראטאריע'ס ארבעט ליגט ביים שפיץ פון בייאמעדיקל פארשונג און, א דאנק א באדייטנדע סטעיט אינוועסטירונג, וועט די נייע פאסיליטי עס ערלויבן צו דערגרייכן נייע און איבערראשנדע דורכברוכן אין ניוראסייענס. דא אין ניו יארק סטעיט, זענען מיר געטריי צו הייבן די דזשאבס און ביזנעסער פונעם צוקונפט און פארזיכערן אז אונזער שטאט פארבלייבט קאנקורירנד אין די איין אין צוואנציגסטע יאר הונדערט."

"די עמפייער סטעיט איז געטריי צו מאכן לאנג איילענד דאס לאנד'ס הויפטקווארטיר פאר לייף סייענסעס ערפינדונגען, " **האט געזאגט ליוטענענט גאווערנאר אנטאניא דעלגאדא.** די היינטיגע גראונדברעיקינג פון ניוראסייענס פארשונג קאמפלעקס וועט שטיצן מעדיצינישע פארשונג וואס וועט פירן צו לעבנס-ענדערנדע מעדיצין און באהאדלונגען וועלכע וועלן פארבעסערן די לעבנס פון ניו יארקער אויף לאנג איילענד און לענגאויס דעם סטעיט.״

קאלד ספרינג הארבאר לאבאראטאריע'ס פארשונג איז קריטיש וויכטיג אינעם באמיאונג צו פירן ערפינדונגען און אנטדעקונגען אין בייאמעדיקל פארשונג. וויסנשאפטלער ביים ניוראסייענס פארשונג קאמפלעקס וועלן זיך

קאנצענטרירן אויף מעדיצינישע פארשונג פארן פארבעסערונג פון מענטשליכע געזונטהייט, ארייגערעכנט מח-טראכטונגען און די מאפע פון די ווייערינג דיאגראם פונעם מענטשליכן מח. די ערפינדערישע טעכנאלאגיע וועט האבן א באדייטנדע ווירקונג אויף סיי דעוועלאפמענטל ניוראלאגישע דיסארדערס אזוי ווי אוטיזם און סיי ניוראדידזשענערעטיוו קראנקהייטן ארייגערעכנט אלצהיימער'ס און פארקינסאנ'ס. נאך פאזעס פונעם דעוועלאפמענט פראיעקט וועלן ארייננעמען א באזונדערע ניורא-AI געביידע, א פלאץ פאר זיצונגען און עדיוקעישאנעל פראגראמען, און א פענקריעטיק קענסער טעראפיוטיקס טעסטינג פאסיליטי.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער האופ נייט האט געזאגט,** "ESD איז שטאלץ צו שטיצן די איבערראשנדע נייע קאמפלעקס, וואס וועט פאראויס טרייבן פארגעשריטענע פארשונג וואס וועט סיי הייבן די ראיאנישע און סטעיטווייד לייף סייענסעס אינדוסטריע, און אויך, נאך וויכטיגער, פארבעסערן די טאג-טעגליכע לעבנס פון מענטשן וואס ליידן פון ניוראדידזשענערעטיוו קראנקהייטן. דורך סטראטעגיש אינוועסטירן אין אונזערע בעסטע פארמעגנס, אזוי ווי קאלד ספרינג הארבאר לאבאראטאריע, העלפן מיר אויסשטעלן א געזונטערע און מער האפענונגספולע צוקונפט פאר ניו יארק."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט באורד פארזיצער קעווין לאו האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער האקול׳ס פירערשאפט, טוט ניו יארק ווייטער שטיצן פירנדע לאנג איילענד אינסטיטוציעס וואס פיאנירן ערפינדערישע, לעבנס-טוישנדע פארשונג. די ארבעט ביי קאלד ספרינג הארבאר לעב'ס ניוראסייענס פארשונג קאמפלעק וועט פארשטארקן לאנג איילענד'ס פארשונג קארידאר און לייגן דעם פונדאמענט פאר נייע איבערראשנדע ערפידונגען וואס ווארטן אפ."

**סטעיט סענאטאר דזשים גאוראן האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול און ליוטענאנט גאווערנער דעלגאַדאָו פארן צושטעלן די פירערשאפט צו פארזיכערן אז קאלד ספרינג הארבאר לעב בליעט און אז לאנג איילענד זעצט ווייטער פאר צו זיין אן ערפינדערישע פארשונג קוואל פארן לאנד."

**אסעמבלימיטגליד טשארלס ד. לעווין האט געזאגט,** "מיט די באדייטנדע אינוועסטירונג אין די קאלד ספרינג הארבאר לעב, טוט די גאָווערנאָר ווידעראמאל צייגן א בײַשפּיל פון איר געטריישאפט צו די אומגלויבליכע סייענטיפישע אנטדעקונגען וואס קומען פאר ממש דא אויף לאנג איילענד."

**לאנג איילענד ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל קא-טשעיר לינדע ארמין, הויפט סטראטעגיע און מארקעטינד באאמטע ביי בעטפעידזש קרעדיט יוניאן האט געזאגט,** "מיר ברעכן דעם גרונד היינט פאר אן עכטע טראנספארמירנדע ניוראסייענס פארשונג קאמפלעקס, ביי א פלאץ וואס איז שוין לאנג א היים פאר גראונדברעיקינג אנטדעקונגען און סייענטיפישע פארשונג. דער קאמפלעקס וועט געבן שטויסקראפט פאר CSHL'ס שוין יעצט איינדרוקספולע מח קראפט צו מאכן אנטדעקונגען וואס וועלן פארזיכערן לאנג איילענד'ס ווייטערדיגע פירערשאפט אין די לייף סייענסעס אינדוסטריע און מאכן לאנג דויערנדע ביישטייערונגען צום געזונטהייט פון אלע וואס וואוינען דא, און ווייטער."

**קאלד ספרינג הארבאר לעב פרעזידענט און CEO ברוס סטילמאן האט געזאגט,** "דער קומענדיגער הויפט פון ניוראסייענס פארשונג איז אויפן וועג ביי CSHL. דא, טוען פירער אין ניוראסייענס נוצן מאפעס מיט הויכע רעזאלוציע ניורעל סורקיטס אינעם מח וואס פירן דעם וועג צו נייע צוגאנגען צו ארטיפישעל אינטעליגענץ. איך וויל דאנקען ליוטענענט גאווערנער דעלגאדא און ניו יארק סטעיט פאר זייער ווייטערדיגע שטיצע פאר CSHL. דאס וועט העלפן פארזיכערן אז לאנג איילענד פארבלייבט פרוכטבארע ערד פאר ערפינדונגען אין סייענס און טעכנאלאגיע."

געגרינדעט אין 1890, איז קאלד ספרינג הארבאר לאבאראטאריע איינע פון די וועלט'ס פירנדע צענטערן פאר ביימעדיקל פארשונג און האט געפארעמט היינטיגע בייאמעדיקל פארשונג און עדיוקעישאן מיט פראגראמען אין קענסער, ניוראסייענס, פלאנצונג ביאלאגיע און קוואנטיטעטיוו ביאלאגיע. פאר איבער

130 יאר, האבן CSHL וויסנשאפטלער געמאכט פילע באדייטנדע אנטדעקונגען וואס האבן פאראויסגעשטופט וויסנשאפט און געברענגט א טיפערע פארשטאנד אין געביטן אזוי פארשידנארטיג ווי קענסער, אידענטיפיצירן דעם ערשטן קענסער דזשין, אויפדעקן גענעטישע ענדערונגען וואס דייטן אן אוטיזם, דער פונקציאנירונג פונעם מח, און מאטימאטישע צוגאנגען צו ביאלאגיע. CSHL'ס פארשונג פראגראמען באפאסן זיך מיט טייל פון די שווערסטע פראבלעמען וואס די וועלט שטייט פאר, אריינגערעכנט אלצהיימער'ס און פארקינסאנ'ס קראנקהייט, די ווירקונג פון קענסער אויף דעם קערפער'ס פיזיאלאגיע, און מאכן פארשריט אויף ארטיפישעל אינטעליגענץ דורכן בויען אויפן פארשטאנד פון ווי אזוי אונזער נאטורליכע אינטעליגענץ אנטוויקלט זיך.

דורך סטראטעגישע אינוועסטירונגען, שטיצט ניו יארק אונטער דאס שאפונג פון נייע פארשריט אין בייאמעדיקל פארשונג און אנטוויקלונג. די בייאטעק און לייף סייענסעס אינדוסטריעס זענען געווארן מאכטפולע טרייב מאשינען פאר ניו יארק סטעיט, מאכנדיג הויפט ראיאנען אין די סטעיט פאר לעבעדיגע ביאלאגישע וויסנשאפט צענטערן וואס האבן אין זיך ארגאניזאציעס און אינסטיטוציעס וואס זענען געווידמעט פאר פארשידענע שטאפלען פון פארשונג, אנטוויקלונג, טעכנאלאגיע טראנספער און צו ארויפלייגן טעכנאלאגיע אויפן מארקעט. קאלד ספרינג הארבאר לאבאראטאריע'ס ניוראסייענס פארשונג קאמפלעקס וועט ביישטייערן צו פארשונג און אנטוויקלונג פון נייע וויסנשאפטליכע און מעדיצינישע ערפינדונגען און פארשנעלערן לאנג איילענד'ס וואקסנדע לייף סייענסעס עקאנאמיע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418